בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

חקת (קרה בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 99
דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

די וָואךְ דֶערְצֵיילְט אוּנְז די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועגְן די פְּטִירָה - די הִסְתַּלְּקוּת פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַרוֹיפְגֵיין צוּם הֹר הָהָר, אוּן משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִים אוֹיסְגֶעטוּן זַיינֶע בִּגְדֵי הַכְּהוּנָה, אוּן אָנְגֶעטוּן פַאר זַיין זוּן אֶלְעָזָר, אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז דָארְט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

דֶערְצֵיילְט די תּוֹרָה: "וַיִּרְאוּ כָּל הָעֵדָה כִּי גָוַע אַהֲרֹן וַיִּבְכּוּ אֶת אַהֲרֹן שְׁלשִׁים יוֹם כֹּל בֵּית יִשְׂרָאֵל" זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ "אַלֶע הָאבְּן גֶעוֵויינְט", מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, ווייל אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, וּמֵטִיל אַהֲבָה בֵּין בַּעֲלֵי מְרִיבָה וּבֵין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ - עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט לִיבְשַׁאפְט אוּן גֶעמַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן צְווֵיי מֶענְטְשְׁן אָדֶער מַאן אוּן ווייב וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט, דֶערִיבֶּער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט.

אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן די וָואס קְרִיגְן זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט דֶער אִיד מִיט וֶועמֶען די קְרִיגְסְט זִיךְ הָאט דִיר לִיבּ, יֶענֶער חַלְשְׁ'ט פַאר דִיר, עֶר הָאט אַ גְרוֹיס צַעַר אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט!",

דֶער חָבֵר פְרֶעגְט פוּן אַהֲרֹן, אַזוֹי!? אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מִיךְ יָא לִיבּ!? אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן, אוּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "דַיין חָבֵר הָאט צַעַר, עֶר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בֵּיינַאכְט אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט", אַזוֹי הָאבְּן בֵּיידֶע חֲבֵרִים תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּרִיק בַּאפְרֵיינְדֶעט. דֶערְפַאר הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט בַּיי די פְּטִירָה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן.

לָאמִיר זֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין תּוֹרָה כ"ז וואוּ דֶער רֶבִּי רֶעדְט וֶועגְן שָׁלוֹם, וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן וֶועט מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד אוּן מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, אוּן עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַהֲבָה. דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה אִין דִי תּוֹרָה אַזַא לָשׁוֹן: "לוֹיט דִי שָׁלוֹם וָואס אִיז דָא אִין דוֹר אַזוֹי קֶען מֶען צִיעֶן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַ דוֹר וָואס עֶס אִיז פַארְהַאן שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן, קֶענֶען זֵיי רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען חוֹקֵר, אֵיינֶער מִיט צְוֵוייטְן, זֵיי טְרַאכְטְן, זֵיי פָּארְשְׁטְן, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, פוּן אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט".




די חֲבֵרִים זֶענֶען מַסְבִּיר אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן דֶעם אֱמֶת אַז סוֹף כָּל סוֹף בַּיים עֶנְדֶע וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת פַאר נָאךְ זַיין פְּטִירָה צוּם עוֹלָם הַנִּצְחִי, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם, עֶס בַּאגְלֵייט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאךְ זַיין הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת - נִישְׁט קֵיין דִימַאנְטְן נִישְׁט קֵיין שְׁפִּילֶערַייעֶן, נָאר אֵיין זַאךְ, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד. אוּן אוֹיבּ

המשך אויף זייט 11

# אַ אִידִישֶׁער גַלָח

ר' אֱלִיעֶזֶר אַקֶערְמַאן ווֶעלְכֶער הָאט געוואוינְט אִין שְׁטָאט חֵיפָה, פְּלֶעגְט קוּמֶען יֶעדֶעס יָאר צוּם קִבּוּץ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה. עֶר פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן דִי גֶעשִׁיכְטֶע ווִיאַזוֹי עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וּמַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כָּךְ הָיָה: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשָׁאנְקֶען ר' אֱלִיעֶזֶר מִיט אַסאךְ מַזָל, עֶר אִיז גֶעווֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן הָאט פַארְמָאגְט זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַארְמֶעגְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן וֶוען עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן אִין רוּסְלַאנְד, וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דָאס בֶּענְקְל אוּן הָאבְּן גֶעפִירְט דָאס לַאנְד מִיט אַ שְׁטַייפֶע הַאנְט. הָאט ר' אֱלִיעֶזֶר גֶעשְׁפַּייזְט פוּן זַיינֶע גֶעלְט עֶטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרְבֶּעטְן אוּם שַׁבָּת, פוּן זַיין זַייט אִיז דָאס גֶעוֶוען זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ, וַוייל עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט אוֹיךְ דַארְפְן אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶער פַארְמֶעגְן פַאר דֶער רֶעגִירוּנְג, אוּן וֶוער וֵוייסְט אוֹיב עֶר וֶועט נָאךְ בְּלַייבְּן בַּיים לֶעבְּן, וַוייל ווִי בַּאווּאוּסְט פְלֶעגְן דִי בָּאלְשֶׁעווִיקֶעס הַרְגֶ'נֶען אַלֶע עֲשִׁירִים.

אֵיינְמָאל, וֶוען דֶער עוֹשֶׁר ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ פַאר אַפָּאר אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֶועט זַיין מַיין סוֹף? וֶועלְן דִי חֶבְרָה קוּמֶען אוֹיף מַיינֶע שְׁפִּירְן אוּן מִיר צוּנֶעמֶען מַיין הָאבּ אוּן גוּטְס?".

"דוּ דַאֲגָה'סְט?! דֶער רֶבִּי וֶועט זִיכֶער אַבְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִירּ!", הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ זִיכֶערְקַייט: וַוייל דוּ שְׁטִיצְט דֶער רֶבִּי'נְס מֶענְטְשְׁן!

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אֵיין טָאג הָאבְּן אַרַיינְמַארְשִׁירְט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוּפֶּע סָאלְדַאטְן, מִיט זַייעֶר אוֹיבֶּערְהַאר אִין שְׁפִּיץ, אוּן גֶעפָאדֶערְט פוּן אִים אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַיינֶע פַארְמֶעגְנְס, עֶר הָאט זֵיי עֶס גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, גְלַייךְ דֶערוֹיף הָאט דֶער הוֹיפְּט זַייעֶרֶער גֶעבֶּעטְן פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע דָאקוּמֶענְטְן, הָאט עֶר דָאס אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.



פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ דֶער אוֹיפְזֶעעֶר אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ זַיינֶע סָאלְדַאטְן אוּן רוּפְט אוֹיס:

"וָואס זוּכְן מִיר בִּכְלַל אִין זַיין שְׁטוּבּ?! עֶר אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אַיינְוואוֹינֶער פוּן רוּסְלַאנְד! עֶר אִיז דָאךְ אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ!", דִי סָאלְדַאטְן הָאבְּן זִיךְ זָאפָּארְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אַרוֹיס פוּן זַיין פַּאלַאץ.

ר' אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין עֶרְשְׁטוֹינְד, אוּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּ הָאט עֶר טַאקֶע רִיכְטִיג גֶעהֶערְט.

המשך אויף זייט 10

# חִזוּק פוּן יֶענֶעם עֶק וֶועלְט

דִי וָואךְ אִיז חֲזָרָה, מַיין מְנַהֵל [מַשְׁגִּיחַ] הָאט גֶעלָאזְט וִויסְן אַז אַלֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר דַארְפְן חַזֶרְ'ן דְרַייצְן בְּלַאט גְמָרָא אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט מֶען גֵיין צוּ אַ רַב [דַיָּן] זִיךְ פַארְהֶערְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ שֶׁעמֶעוְודִיגֶער אִינְגְל, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז אֶפְשַׁר וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער פוּן חֵדֶר זֶען אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ קֶען זִיךְ פַארְשֶׁעמֶען. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוֵוויינְט אוּן גֶעוֶועןפַארְלוֹירְן, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דֶער מְנַהֵל פַארְהֶערְט יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג צְוֵויי בְּלַאט, זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן וֶוען מֶען וֶועט צוּם עֶנְדֶע גֵיין צוּם דַיָּן אוּן זִיךְ פַארְהֶערְן אַלֶע דְרַייצְן בְּלַאט.

מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צוּ אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אֵיינֶער אַ גוּטֶער אִינְגְל וָואס זָאל זַיין מַיין חַבְרוּתָא צוּ קֶענֶען חַזֶרְ'ן דִי בְּלֶעטֶער?! מַיין עֶנְטְפֶער אִיז גֶעוֶוען: "נָאר אֵיין אִינְגְל אִיז דָא וָואס קֶען זֵייעֶר גוּט דִי גְמָרָא, אוּן אַלֶע קִינְדֶער כַאפְּן אִים אוֹיס, אוּן זָאגְן אִים צוּ גוּטֶע זַאכְן, עֶר זָאל חַזֶרְ'ן מִיט זֵיי!!!" עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען עֶק וֶועלְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין חֵדֶר בְּשׁוּם אוֹפֶן.

מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזֶען אוֹיף מִיר אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג, זִי הָאט מִיר פְּרוּבִּירְט הֶעלְפְן אוּן גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אִיר, זִי הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן אַלֶע סָארְטְן עֵצוֹת, זִי הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר מִיר, אוּן גֶעטְרַאכְט פוּן שְׁרֵייבְּן אַ בְּרִיוו צוּ מַיין רֶבִּי מֶען זָאל מִיר נִישְׁט פַארְהֶערְן, אוֹיךְ הָאט זִי פַארְגֶעשְׁלָאגְן אַז מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער וָואס לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל זָאל עֶס לֶערְנֶען מִיט מִיר אִין דִי לֵיידִיגֶע צַייט נָאכְן חֵדֶר, אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אוּנְטֶערְשְׁטֶעלִיג.

דִי שְׁמוּעֶס מִיט מַיין מַאמֶע אִיז פַארְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט נָאכְדֶעם וָואס מַיין מַאמֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן אַ חֲתוּנָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁפֶּעט.... פַארְפַאסְט מֶען צוּמָארְגְנְס דִי בָּאס אוּן מֶען פָארְט מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער... דָאס הָאט מִיר נָאךְ צוּגֶעגֶעבְן צוּ מַיין פַּחַד אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיפְן בֶּעט אוֹיסְרוּפְנְדִיג: "מַאמִי, אִיךְ גֵיי נִישְׁט הַיינְט אִין חֵדֶר!" נָאךְ דָאס פֶעלְט מִיר אוֹיס, דֶער רֶבִּי וֶועט נָאךְ זֶען מַיין 'שְׁפֶּעט צֶעטְל' מִיט אַלֶע מַיינֶע טְעָנוֹת אַז אִיךְ קֶען יָא אָדֶער נִישְׁט צְוֵויי בְּלַאט, אוּן דִי טַעֲנָה אוּן יֶענֶע טַעֲנָה, אִיךְ בִּין אַזַא אָפְּגֶעפְרֶעגְטֶער אִינְגְל! אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר... בְּשׁוּם אוֹפֶן...

"הֶעלָא!!", הֶער אִיךְ וִוי מַיין מַאמֶע רֶעדְט אַרַיין אִין טֶעלֶעפָאן צוּ אַן אוּמְבַּאקַאנְטְן נוּמֶער וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְן פֶענְסְטֶערְל פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז זִי רֶעדְט צוּ אַ בַּאקַאנְטְן אִיד. דָאס אִיז מַיין פֶעטֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כִּמְעַט וָואס עֶר קְלִינְגְט אִיר נִישְׁט אַ גֶעוֶוענְלִיכְן טָאג, אֶפְשַׁר עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אָדֶער פַאר עֶר גֵייט צוּ דֶער חֻפָּה פוּן זַיין קִינְד, קְלִינְגְט עֶר זִיךְ וואוּנְטְשְׁן, וָואס אִיז פּוּנְקְט יֶעצְט גֶעשֶׁען?!

מַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן רוּאִיג צוּ אִים, וֶוען זִי שְׁטֵייט דָא נֶעבְּן מִיר אוּן מַיין טְרוֹיעֶר הָאט מִיר בַּאטְרָאפְן, זִי רֶעדְט צוּם פֶעטֶער, אָבֶּער נִישְׁט מִיט אַ זִיכֶערֶע קוֹל, וֶוען אִינְמִיטְן לֵייגְט זִיךְ דֶעם טֶעלֶעפָאן אוֹיף מַיין אוֹיעֶר, אוּן זָאגְט פַארְן פֶעטֶער רֶעדְט צוּ מֹשֶׁה'לֶע, עֶר גֵייט שׁוֹין נָאךְ אַפָּאר מִינוּט אִין חֵדֶר.

מַיין פֶעטֶער הָאט גֶעהַאט אִין פָארְנְט פוּן זִיךְ עֶפֶּעס אַ גִּלָּיוֹן (דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט) אוּן לֵיינְט אַרוֹיס פוּן דָארְט אוּן שְׁרֵייט מִיר אַרַיין אִין טֶעלֶעפָאן. "מוֹיְשִׁי זָאלְסְט

המשך אויף זייט 4

וִויסְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ!! עֶר הָאט לִיבּ דַיין פֵּאוֹת, דַיין קַאפֶּעלֶע, עֶר טְשַׁאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיט דִיר, עֶר וִויל דִיךְ זֵייעֶר!!", אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט נָאר פָּארְגֶעלֵיינְט, נָאר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן טִיפְן הַארְץ, גְלַייךְ צוּ מַיין הֶערְצֶעלֶע!

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוִויגְן, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר אַדוּרְךְ אִין אַלֶע בֵּיינֶער!! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיקְהֶענְטְפֶערְן גָארְנִישְׁט, וֶוען מַיין מַאמֶע שְׁרֵייט מִיר אַרַיין: "דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ פוּוון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל דִיר מוֹדִיעַ זַיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל דִיךְ אוּן הָאט פוּן דִיר הֲנָאָה, יָא פוּן דִיר הָאט עֶר הֲנָאָה, וִויאַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיס! וָואס דוּ טוּסְט אִיז גוּט". פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קְלִינְגְט עֶר סְפֶּעצִיעֶל צוּ דִיר!

אִיךְ הָאבּ גֶעגְלֵייבְּט טַאקֶע וָואס מַיין פֶּעטֶער זָאגְט, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין מִקְרֶה, דָאס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דֶעם פֶּעטֶער בֶּעפָאר, אַזַא קְלָארֶע רוּף פוּן הִימְל!!
יָא, אִיךְ מוֹיְשִׁי, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל מַיין עֲבוֹדָה, עֶס גֵייט מִיר אַרַיין אִין אוֹיעֶר, אִיךְ לוֹיף שׁוֹין אִין חֵדֶר....".

קִינְדֶער, זַייטְס מִתְפַּלֵל פַאר מִיר אִיךְ זָאל גוּט קֶענֶען בַּיים פַארְהֶער!

**מוֹיְשִׁי, בְּרוּקְלִין נְיוּ יָארְק**


**האסט א מעשה'לע?!**

**02-5-3333-72 #5 קנעפל 1-518-329-9149**


## ~ דִי צְוֵויטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דֶער מֶלֶךְ און דֶער קֵייזֶער ~3~




וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֶּן יָחִיד. אוּן עֶר הָאט אִים חַתוּנָה גִימַאכְט. אוּן הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דִי מְלוּכָה. אַמָאל הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּם פָאטֶער. עֶר וִויל גֵיין זִיךְ שְׁפַּאצִירִין מִיט זַיין וַוייבּ אוֹיף דֶעם יַם. כְּדֵי זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם. טָאמֶער מוּז מֶען אַמָאל אַנְטְלוֹיפִין אוֹיף דֶעם יַם. (דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיוָואלְט אַז זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם) אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִילָאזְט אוֹיף אַ שִׁיף אוּן זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ

גִיוֶוען אוּן הָאבִּין דָארְט זֵייעֶר גִישְׁטִיפְּט. דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט זֵיי זָאלִין אַלֶע אוֹיסְטוּן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן עֶס אִיז אוֹיף זֵיי מֶער נִיט גִיבְּלִיבֶּען נָאר דָאס הֶעמְד. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִיפְּרוּבְּט אִיטְלִיכֶער וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיף חַאפִּין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. הָאט זִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַרוֹיף גִירִיסִין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים.

דֶער וַוייל אִיז דִי בַּת קֵיסָר הַנַ"ל אָן גִיקוּמֶען מִיט אִיר שִׁיף אוּן זִי הָאט גִיזֶעהְן דִי שִׁיף (פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה) הָאט זִי אִין דֶער תְּחִילָה מוֹרָא גִיהַאט צוּ צוּגֵיין. דֶער נָאךְ אִיז זִי גִיקוּמֶען נָאעֶנְט אַבִּיסְל הָאט זִי גִיזֶעהְן אַז זֵיי שְׁטִיפִין זֵייעֶר הָאט זִי פַאר שְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין גַזְלָנִים.

הָאט זִי אָן גִיהוֹיבִּין צוּ צוּ גֵיין נֶענְטֶער. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפִין דִי בַּת קֵיסָר צוּ אִירֶע מֶענְשִׁין אִיךְ קֶען אַרָאפּ וַוארְפִין דֶעם פְּלִיחַ אִין יַם אַרַיין (דְהַיינוּ דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִירִיסְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים) וָוארִין דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ פְּלִיחַ אוֹיף דֶעם קָאפּ. הָאבִּין זֵיי צוּ אִיר גִיזָאגְט וִוי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן זֵיי. הָאט זִי זֵיי גִיעֶנְפֶערְט זִי הָאט אַ בְּרֶען בְּרִיל אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זִי אִים אַרָאפּ וַוארְפִין. אוּן זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען זִי וֶועט אִים נִיט אַרָאפּ וַוארְפִין בִּיז עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען (הֶעט אַרוֹיף) אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ פוּן דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. וָוארִין כָּל זְמַן עֶר אִיז אִין מִיטִין. אַז עֶר וֶועט פַאלִין וֶועט עֶר פַאלִין אִין דֶעם שִׁיף אַרַיין. אָבֶּער אַז עֶר וֶועט אַרוֹיף אַז עֶר וֶועט פַאלִין וֶועט עֶר פַאלִין אִין יַם אַרַיין.

הָאט זִי גִיוַוארְט בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ זֶעגִיל בּוֹים. הָאט זִי גִינוּמֶען דִי בְּרֶען בְּרִיל אוּן הָאט זִי גִיהַאלְטְן אַקֶעגְין זַיין מוֹחַ בִּיז עֶס הָאט אִים גִיבְּרִיט אִין מוֹחַ. אִיז עֶר אַרָאפּ גִיפַאלְן אִין יַם אַרַיין.

וִוי עֶר אִיז אַרָאפּ גִיפַאלְן אִיז דָארְט (אִין זַיין שִׁיף) גִיוָוארִין אַ גְרוֹיס גֶעפּוּלְדֶער. אוּן הָאבִּין נִישְׁט גְוואוּסְט וָואס צוּ טָאן וִוי אַזוֹי קֶערְט מֶען זִיךְ אוּם אַהֵיים. וָוארְן דֶער מֶלֶךְ וֶועט שְׁטַארְבְּן פַאר צַעַר. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. זֵיי וֶועלִין צוּ גֵיין צוּ דֶער שִׁיף וָואס זֵיי זֶעהְן (דְהַיינוּ צוּ דֶער שִׁיף פוּן דֶער בַּת קֵיסָר) טָאמֶער אִיז דָארְט דָא עֶפֶּעס אַ דָאקְטֶאר וָואס עֶר וֶועט זֵיי קֶענֶען גֶעבִּין אֵיין עֵצָה.

זֶענֶען זֵיי צוּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין צוּ זֵיי גִיזָאגְט (דְהַיינוּ צוּ דִי מֶענְשְׁן וָואס זֶענֶען גִיוֶוען אוֹיף דֶער שִׁיף פוּן דֶער בַּת קֵיסָר) אַז זֵיי זָאלִין קֵיין מוֹרָא נִיט הָאבִּין. וָוארִין זֵיי וֶועלִין זֵיי גָאר נִיט טוּן. אוּן הָאבְּן זֵיי גִיפְרֶעגְט. טָאמֶער אִיז צְוִוישְׁן אַייךְ דָא אֵיין דָאקְטֶאר וָואס עֶר זָאל אוּנְז גֶעבִּין אֵיין עֵצָה. אוּן הָאבְּן זֵיי דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אַרַיין גִיפַאלְן אִין יַם אַרַיין.

הָאט דִי בַּת קֵיסָר גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין אִים גִיפוּנֶען אוּן הָאבִּין אִים אַרוֹיס גִינוּמֶען. הָאט דִי בַּת קֵיסָר גִינוּמֶען דֶעם דֶעפֶּק אִין דֶער הַאנְד. אוּן הָאט גִיזָאגְט דֶער מוֹחַ אִיז אִים פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארְן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין צוּ רִיסְן דֶעם מוֹחַ. הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אַזוֹי וִוי זִי הָאט גִיזָאגְט. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר נִבְהָל גִיוָוארִין (דְהַיינוּ עֶס אִיז בַּיי זֵיי זֵייעֶר אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גִיוֶוען וִוי דֶער דָאקְטֶאר דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסָר הָאט אַזוֹי צוּ גִיטְרָאפִין) אוּן הָאבִּין זִי גִיבֶּעטִין. אַז זִי זָאל מִיט זֵיי אִין אֵיינֶעם גֵיין צוּ זֵיי אַהֵיים. וֶועט זִי זַיין אַ דָאקְטֶאר בַּיי דֶעם

מֶלֶךְ. און וָועט בַּיי אִים זַייעֶר חָשׁוּב זַיין. הָאט זִי נִיט גִיוָואלְט און זִי הָאט גִיזָאגְט. זִי אִיז גָאר קֵיין דָאקְטֶאר נִיט נָאר זִי וֵוייסְט אַזוֹי דִי זַאכִין.

און דִי לַייט פוּן דֶער שִׁיף פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ הַנַ"ל הָאבִּין שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט אוּם קֶערִין זִיךְ אַהֵיים. זֶענֶען גִיגַאנְגֶען דִי בֵּיידֶע שִׁיפִין אִין אֵיינֶעם. אִיז זַייעֶר גִיפֶעלִין דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אַז זַייעֶר מַלְכָּה (דְהַיְינוּ דָאס וַוייבּ פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ) זָאל נֶעמֶן דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז גִיגַאנְגֶען גִיקְלֵייט ווִי אַ זָכָר אוּן זֵיי הָאבִּין גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ דָאקְטֶאר) מַחְמַת זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם זַייעֶר. דְרוּם הָאבְּן זֵיי גִיוָואלְט אַז דִי מַלְכָּה זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אוּן עֶר זָאל בַּיי זֵיי וֶוערִין מֶלֶךְ. אוּן זַייעֶר אַלְטִין מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דֶעם פָּאטֶער פוּן דֶעם מֶלֶךְ) זָאלִין זֵיי הַרְגִינֶען.

נָאר זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִישֶׁעמְט דָאס צוּ ריידִין דֶער מַלְכָּה. אַז זִי זָאל נֶעמֶען אַ דָאקְטֶאר. דֶער מַלְכָּה אִיז אָבֶּער אוֹיךְ זַייעֶר גִיפֶעלְן אַז זִי זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר. נָאר זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר דֶער מְדִינָה. טָאמֶער וועלִין זֵיי נִיט וֶועלְן אַז עֶר זָאל זַיין מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען זֵיי זָאלִין מַאכְן בַּאלִין (דְהַיְינוּ סְעוּדוֹת) כְּדֵי בַּיי דֶעם טְרוּנְק בְּשַׁעַת חֶדְוָה זָאל מֶען קֶענֶען דֶער פוּן שְׁמוּסִין. הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט אַ בַּאל בַּיי אִיטְלִיכֶען אִין אַ בַּאזוּנְדֶערִין טָאג.

אַז עֶס אִיז גִיקוּמֶען דֶער בַּאל פוּן דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעבִּין פוּן זַיין וַויין וָואס עֶר הָאט גִיהַאט כַּנַ"ל זֶענֶען זֵיי שִׁיכּוֹר גִיוָוארְן. בְּשַׁעַת חֶדְוָה. הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרֵי מְלוּכָה אָן גִירוּפִין. וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט דָאס וָואלְט גִיוֶוען. אַז דִי מַלְכָּה זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר. הָאט זִיךְ דֶער דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אָן גִירוּפְן עֶס וָואלְט בְּוַודְאַי זַייעֶר שֵׁיין גִיוֶוען נָאר אַז מֶען זָאל דָאס רֵיידִין נִיט מִיט אֵיין פַאר טְרוּנְקִין מוֹיל. דִי מַלְכָּה הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָן גִירוּפְן עֶס וָואלְט זַייעֶר שֵׁיין גִיוֶוען אַז זִי זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר. נָאר דִי מְדִינָה זָאל דְרוֹיף מַסְכִּים זַיין. הָאט זִיךְ ווִידֶער דֶער דָאקְטֶאר אָן גִירוּפִין. עֶס וָואלְט בְּוַודְאַי זַייעֶר שֵׁיין גִיוֶוען נָאר אַז מֶען זָאל דָאס רֵיידִין נִיט מִיט קֵיין פַאר טְרוּנְקִין מוֹיל. נָאךְ דֶעם אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִינִיכְטֶערְט פוּן דֶעם שִׁכְּרוּת. הָאבִּין זִיךְ דֶער מַאנְט דִי שָׂרִים. וָואס זֵיי הָאבִּין דָא גִיזָאגְט. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִישֶׁעמְט פַאר דֶער מַלְכָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין אַזוֹינְס גִיזָאגְט. נָאר זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. דִי מַלְכָּה אַלֵיין הָאט דוּךְ אוֹיךְ דָאס גִיזָאגְט. אוּן דִי מַלְכָּה הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִישֶׁעמְט פַאר זֵיי. נָאר זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען זֵיי אַלֵיין הָאבִּין דוּךְ אוֹיךְ דָאס גִיזָאגְט. דֶער וַוייל הָאט מֶען אָן גִיהוֹיבִּין דֶער פוּן צוּ שְׁמוּסִין. אִיז אַזוֹי גִיבְּלִיבְּן. הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְתְחַתֵּן גִיוֶוען דִי מַלְכָּה מִיט דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ מִיט דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס זֵיי הָאבְּן גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין דָאקְטֶאר כַּנַ"ל) אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַהֵיים צוּ זַייעֶר מְדִינָה.

ווִי דִי מְדִינָה הָאט דֶער זֶעהְן אַז זֵיי קוּמֶען זֶענֶען זֵיי זַייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארִין. וָוארִין עֶס אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַ לַאנְגֶע צַייט. אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אַוֶועק מִיט דֶער שִׁיף. אוּן מִיהָאט נִיט גְוואוּסְט ווִי עֶר אִיז. אוּן דֶער אַלְטֶער מֶלֶךְ אִיז דֶער וַוייל גִישְׁטָארְבִּין. אֵיי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען. דֶער וַוייל הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזִין זַייעֶר מֶלֶךְ אִיז נִיט דָא. הָאבְּן זֵיי גִיפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה הָאט גִיפְרֶעגְט) ווִי אִיז אוּנְזֶער מֶלֶךְ. הָאבְּן זֵיי דֶערְצֵיילְט זֵיי דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז שׁוֹין לַאנְג גִישְׁטָארְבְּן אוּן אַז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אוֹיף גִינוּמֶען אֵיין נַייעֶם מֶלֶךְ דֶעם וָואס עֶר גֵייט מִיט זֵיי

(דְהַיינוּ דֶעם דָאקְטֶאר דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסָר) הָאט זִיךְ דִי מְדִינָה זַייעֶר גִיפְרֵייט וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אֵיין נַייעֶם מֶלֶךְ.

דֶער מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסָר) הָאט גִיהֵייסִין אוֹיס רוּפִין אִין אַלֶע מְדִינוֹת אַז וִוי עֶס גִיפִינְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אַ גֵר אָדֶער אַ בּוֹרֵחַ דְהַיינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער אוֹדֶער אַ פַארְטְרִיבִּינֶער זָאלִין זֵיי אַלֶע קוּמֶען אוֹיף דֶער חֲתוּנָה עֶס זָאל אֵיינֶער פוּן זֵיי נִיט אָפּ גֵיין. וֶועלִין זֵיי נֶעמֶען גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת. ווִידֶער הָאט גִיהֵייסִין דֶער מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסָר) אַז מֶען זָאל מַאכִין אַרוּם דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט קְוָואלִין אַרוּם אוּן אַרוּם. כְּדֵי אַז אֵיינֶער וֶועט וֶועלִין אַ טְרוּנְק טוּן זָאל עֶר נִיט בַּאדַארְפְן אַוֶועק גֵיין אַ טְרוּנְק טוּן. נָאר אִיטְלִיכֶער זָאל גִיפִינֶען אַ קְוָואל לֶעבִּין זִיךְ. נָאךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסָר) גִיהֵייסְן אַז מֶען זָאל זַיין צוּרָה אָפּ מָאלִין בַּיי אִיטְלִיכְן קְוָואל. אוּן מִזָאל שְׁטֶעלִין שׁוֹמְרִים. זֵיי זָאלִין הִיטְן בְּאִים אַז אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען אוּן וֶועט זִיךְ שְׁטַארְק צוּ קוּקִין צוּ דֶער צוּרָה (דְהַיינוּ צוּ דֶעם פַּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסָר כַּנַ"ל) אוּן וֶועט מַאכִין אַ שְׁלֶעכְט פָּנִים זָאל מֶען דֶעם מֶענְשְׁן חַאפִּין אוּן מֶען זָאל אִים אַיין זֶעצִין אִין דֶער תְּפִיסָה.

הָאט מֶען אַלְץ אַזוֹי גִיטָאן. זֶענֶען אָן גִיקוּמֶען דִי אַלֶע דְרַיי (דְהַיינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז דֶער רֶעכְטֶער חָתְן פוּן דֶער בַּת קֵיסָר) וָואס זִי אִיז דָא מֶלֶךְ גִיוָוארִין. אוּן דֶער זוּן פוּן דֶעם סוֹחֵר (וָואס דֶער פָּאטֶער הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן אִיבֶּער דֶער בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז פוּן אִיהם אַנְטְלוֹפֶען גִיוָוארִין כַּנַ"ל) אוּן דֶער מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן (אוֹיךְ אִיבֶּער דֶער בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז פוּן אִים אַנְטְלוֹפְן גִיוָוארִין מִיט דִי עֶלֶעף פַּאנִיס כַּנַ"ל) אוּן אִיטְלִיכֶער פוּן דִי דְרַיי הָאט דֶער קֶענְט אַז דָאס אִיז אִיר צוּרָה. אוּן הָאבִּין זִיךְ זַייעֶר צוּגִיקוּקְט אוּן הָאבִּין זִיךְ דֶער מַאנְט אוּן הָאבְּן זִיךְ זַייעֶר מְצַעֵר גִיוֶועזְן. הָאט מֶען זֵיי גִיחַאפְּט אִין דֶער תְּפִיסָה אַרַיין.

בִּשְׁעַת חֲתוּנָה הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסָר) אַז מֶען זָאל דִי שְׁבוּיִים בְּרֶענְגֶען פַאר אִים הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דִי אַלֶע דְרַיי. הָאט זִי זֵיי דֶער קֶענְט אוּן זֵיי הָאבִּין זִי נִישְׁט דֶער קֶענְט מַחְמַת זִי אִיז גִיגַאנְגֶען אָן גִיטָאן ווִי אֵיין מַאנְצְבִּיל. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן דִי בַּת קֵיסָר אוּן הָאט גִיזָאגְט דוּ מֶלֶךְ דִיךְ הָאט מֶען פַּאר טְרִיבֶען אִיבֶּער דִי עֶלֶעף פַּאנִיס וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפַאלְן גִיוָוארִין נַאדִיר אָפּ דַיינֶע פַּאנִיס. קֶער דִיךְ אוּם אַהֵיים צוּ דַיין מְדִינָה אוּן צוּ דַיין מְלוּכָה.

דוּ סוֹחֵר (כְּלוֹמַר פְּרִיר הָאט זִי גִירֶעט צוּם מֶלֶךְ. הַיינְט הָאט זִי אָן גִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידִין צוּם בֶּן הַסוֹחֵר הַנַ"ל) דִיךְ הָאט דַיין טַאטֶע פַאר טְרִיבְּן אִיבֶּער דֶער שִׁיף מִיט דֶער סְחוֹרָה וָואס עֶס אִיז פַאר פַאלִין גִיוָוארִין (כַּנַ"ל) נַאדִיר אָפּ דַיין שִׁיף מִיט גָאר דֶער סְחוֹרָה. אוּן דֶער פַאר וָואס דַיין גֶעלְד אִיז אַזוֹי לַאנְג אוֹיסִין גִיוֶועזְן דֶער פַאר הָאסְטוּ הַיינְט מֶער עֲשִׁירוּת אִין דֶער שִׁיף כִּפְלֵי כְּפָלַיִם מֶער פוּן פְרִיר (וָוארִין הַיינְט אִיז נָאךְ גִיוֶועזְן אִין דֶער שִׁיף דָאס גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת פוּן דִי רוֹצְחִים כַּנַ"ל)

**אוּן דוּ בֶּן מֶלֶךְ** (דְהַיינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער חָתְן) **קוּם אַהֶער לָאמִיר אַהֵיים פָארִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אַהֵיים. אָמֵן וְאָמֵן.**




וואו קוּמְט אַרַיין אַ  טְשׁוּכֶעפַּאכֶע אִין רֶבִּי'נְס לִיכְט?! און אַ קַאפְּל קוּמְט יָא אַרַיין?! יָא, אַ קַאפְּל וֵייסְן דָאךְ אַלֶע קִינְדֶער אַז אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶר גֵייט אַ קַאפְּל, עֶס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאט מֶען מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ גֵיין אַבִּיסְל אַ גְרֶעסֶערֶע קַאפְּל עֶס זָאל גוּט צוּדֶעקְן דָאס קֶעפֶּעלֶע, דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְפְּלִיעֶן פוּן מֹחַ!

אָבֶער אַ טְשׁוּכֶעפַּאכֶע דַארְף קְרִיכְן צְווִישְׁן דִי טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער אִין וַואלְד! נִישְׁט אַזוֹי?!

אִיךְ וֶועל עֶנְק נִישְׁט לָאזְן צוּ לַאנְג נֵייגֶערִיג. שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען צְוֵויי אִינְגְלֶעךְ לֶערְנֶען אַ חֲסִידִישׁ סֵפֶר, נָאכְן עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען גֵייט צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן צוּ אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן אִים רוּפְן הֶערְשִׁי אוּן זָאגְט אִים: "אָהּ! אַזַא שֵׁיינֶע זַאךְ קִינְדֶער לֶערְנֶען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אִינְאֵיינֶעם, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזַא נַחַת רוּחַ פוּן דִיר הֶערְשִׁי, פוּן דַיין קַאפְּל, פוּן דַיינֶע פֵּאוֹת!", דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים בַּאגַאסְן מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אַז עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ רֵיחַ פוּן שֶׁמֶן אֲפַרְסְמוֹן. הֶערְשִׁי צִיט צוּרִיק זַיין פְּלֵייצֶע, אוּן הֵייבְּט אָן אוֹיף פַּארְקֶערְט: "נֶע! אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט מִיט גָארְנִישְׁט, מַיין דַאוֶונֶען אִיז קוֹים עֶפֶּעס וֶוערְד, מַיין שַׁבָּת, נֶע! אַ צֶעקְרַאצְטֶע זַאךְ". אוּן דִי צְוֵויי אִינְגְלֶעךְ הָאבְּן פַּארְמַאכְט דִי סְפָרִים אוּן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן שׁוּל.

אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיס בַּאגֶעגֶענֶען זֵיי אִין חָצֵר ווִי עֶס קְרִיכְט אוֹיף דֶער עֶרְד אַ טְשׁוּכֶעפַּאכֶע, אָבֶער נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶער בָּחוּר, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס אוּן בְּרֵייט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז עֶר שְׁלֶעפְּט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶטְלִיכֶע פֶערְצִיג יָאר, אוּן הֶערְשִׁי אִיז אַרוֹיס פוּן זַיינֶע גְלַייזְן, עֶר שְׁפְּרִינְגְט אַרוּם אוּן מַאכְט קוֹלוֹת פוּן פְרֵייד, עֶר אִיז מַסְבִּיר מִיט אַלֶע קַאלִירְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען ווִיסְן אוֹיף דִי קֶעסְטֶעלֶעךְ פוּנֶעם רוּקְן ווִי אַלְט עֶר אִיז. הֶערְשִׁי וַוייזְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים ווִי אַזוֹי דִי טְשׁוּכֶעפַּאכֶע בַּאהַאלְט זִיךְ מֶען זָאל אִיר נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, אוּן אֵיין וָוארְט, הֶערְשִׁי אִיז פְרִישׁ אוּן מִינְטֶער זַיינֶע אוֹיגְן גְלַאנְצְן אוּן טַאנְצְן אַרוּם אוּן אַרוּם ווִי אַ דְרֵיידְל.

”הָא! הֶערְשִׁי, אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט פִיל מִיט חִיוּת, דִי הָאסְט נָאךְ דַיינֶע אִינְגֶע בְּלוּטְן וָואס נֶעמֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מִיט אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג אוּן צוֹיבֶּער", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִינְגֶערְמַאן: ”הֶערְשִׁי, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ נִיצְן דֶעם זֶעלְבְּן הִתְלַהֲבוּת אוּן בְּרֶען אוֹיף דַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אוּן מִצְוֹת וָואס דוּ הָאסְט פְרִיעֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט גֶעשְׁמַאק זִיךְ צוּ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט זֵיי?"

לָאמִיר זֶען הֶערְשִׁי, קוּם פַּארְצֵייל מִיר דִי מַעֲשֶׂה ווִיאַזוֹי מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה אוּן דוּ בִּיסְט צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גֶעפִיל פוּן יִרְאָה אוּן נָאנְטְקֶעיט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם שֵׁיינֶעם מֶענְטֶעלֶע אוּן אַ אִיד מִיט אַ טַלִּית הָאט עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר הוֹיךְ, אוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן גֶעווִיזְן אוֹיף דִי אוֹתִיּוֹת. פַּארְצֵייל מִיר וֶועגְן דַיינֶע שֵׁיינֶע שַׁבָּתְ'דִיגֶע צִיצִית וָואס דוּ טְרָאגְסְט, אַהּ אַזַא שֵׁיינֶער מַלְבּוּשׁ, הֶערְלִיךְ שֵׁיין! דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין צוּזִינְגֶען בַּיי כֶּתֶר! אַזַא מְתִיקוּת!

אִיךְ גְלֵייבּ הֶערְשִׁי אַז דוּ מִיט דַיין בְּרֵייטֶע שְׁפְּרַאךְ קֶענְסְטוּ פַּארְצֵיילְן אוּן פַּארְצֵיילְן גָאר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת

המשך קומעדיגע עמוד

וָואס אִיז הַיינְט גֶעוֶוען אִין שׁוּל אוּן צוּ וָואס דוּ הָאסְט יָא זוֹכֶה גֶעוֶועןָ. נָאר אֵיין זַאךְ, דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר אוּן גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט יָא שַׁייכוּת צוּ דִי אַלֶע זַאכְן אוּן מַאכְן דֶערְפוּן אַ גַאנְץ גֶעשֶׁעפְט.

אוֹיף אַ טְשׁוּכֶעפַּאכֶע בִּיזְטוּ אַ גַאנְצֶער מֵבִין וַוייל דוּ קֶענְסְט זִיךְ טַאקֶע זֵייעֶר גוּט אוֹיס אִין אַלֶע סָארְטְן חַיּוֹת, אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים הֶערְן דִיךְ אוֹיס מִיט נַייגֶער. פוּן הַיינְט, וֶועסְטוּ בַּאמֶערְקְן אִין דִיר אוּן אִין דַיינֶע אַרוּמִיגֶע שֵׁיינֶע נְקוּדוֹת, לֶעכְטִיגֶע נְקוּדוֹת, גוּטֶע פּוּנְקְטְן, מַעֲשִׂים טוֹבִים, מִצְוֶה'לֶעךְ תְּנוּעֶה'לֶעךְ וָואס דוּ הַאלְטְסְט אוּן אֵיין טוּן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט דָאס בַּאלֶעבְן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן, אַז דַיין פֵּאוֹת אוּן קַאפְּל, צִיצִית א.א.וו. וֶועלְן גְלַאנְצְן אוּן הָאבְּן אַ פְּרִישֶׁע בַּאדֵייט, עֶס וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן אַרַיינְבְּלָאזְן אַ פְּרִישֶׁע גֵייסְט.

## די צווייטע מעשה ־ דער מלך און דער קיסר (3) (סוף)

**א. אינמיטן די מעשה דערציילט דער רבי אויף א מלך וויפיל קינדער האט דער מלך געהאט?**
- ❑ א בן יחיד
- ❑ זעקס זון
- ❑ ער האט בכלל נישט געהאט קיין קינדער

**ב. וואס האט דער מלך געטון פאר זיין זון?**
- ❑ ער האט אים קודם אפגעגעבן די מלוכה און נאכדעם אים חתונה געמאכט
- ❑ ער האט אים קודם חתונה געמאכט און נאכדעם אפגעגעבן די מלוכה
- ❑ ער האט אים נאר איבערגעגעבן די מלוכה

**ג. וואס איז די סיבה וואס דער בן מלך האט געזאגט - אז וועגן דעם, וויל ער גיין אויפ'ן ים**
- ❑ כדי זי זאל זיין געוואוינט צו דער לופט פון דער ים
- ❑ ווייל אפשר וועט מען אמאל דארפן אנטלויפן אין ים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וועלכע האר האט דער בן מלך געהאט אויפ'ן קאפ?**
- ❑ שווארצע
- ❑ ווייסע
- ❑ ער האט געהאט א פליח

**ה. וויאזוי האט די בת קיסר אריינגעווארפן דעם בן מלך אין ים?**
- ❑ דורך כישוף
- ❑ זי האט אויף אים געווארפן א שטיין
- ❑ דורך א ברען בריל

**ו. ווען האט זי געמאכט ער זאל אריינפאלן אין ים?**
- ❑ גלייך ווען ער האט אנגעהויבן ארויף גיין אויף די זעגל בוים
- ❑ ווען ער איז געווען אינמיטן זעגל בוים
- ❑ ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן שפיץ זעגל בוים

**ז. האט די בת קיסר געזאגט אז זי איז א דאקטער, אדער נישט?**
- ❑ יא! אז זי איז א דאקטער
- ❑ זי איז אמאל געווען א דאקטער
- ❑ אז זי איז נישט קיין דאקטער

**ח. וואס איז געפעלין פאר די שרי המלוכה?**
- ❑ אז זייער מלכה זאל חתונה האבן מיט דעם דאקטער און דער דאקטער וועט זיין מלך
- ❑ אז זיי זאלן הרג'ענען דעם אלטן מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האבן די שרים געזאגט ביי די באל פון דעם דאקטער?**
- ❑ וואספארא שיינקייט וואלט געווען אז די מלכה זאל נעמען דעם דאקטער
- ❑ וואו גוט וואלט געווען ווען מ'הרג'ט דעם אלטן מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט זיך דער דאקטער אנגערופן?**
- ❑ זייער גוט
- ❑ זייער גוט נאר מ'זאל דאס רעדן אין קעניגליכן פאלאץ
- ❑ עס וואלט זייער שיין געווען נאר מ'זאל דאס רעדן נישט מיט א פארטרונקענעם מויל

**יא. וויפיל מאל שטייט אין די מעשה די פריערדיגע ענטפער פון דער דאקטער?**
- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**יב. האבן זיך די מלכה און דער דאקטער מתחתן געווען?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ די מלכה האט זיך משדך געווען מיט דעם בן הסוחר

**יג. האט נאך דער מלך געלעבט ווען די מלכה און דער דאקטער זענען אנגעקומען?**
- ❑ יא
- ❑ ער איז געווען קראנק
- ❑ ניין

**יד. וועם האט דער דאקטער געהייסן קומען אויף די חתונה?**
- ❑ אלע אנטלאפענע
- ❑ אלע פארטריבענע
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וועמען האט מען גענומען אין תפיסה?**
- ❑ דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס
- ❑ דער בן הסוחר
- ❑ דער ערשטער בן מלך, דער בן הסוחר, און דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס

**טז. וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר דעם בן המלך ביי די חתונה?**
- ❑ גיי צוריק צו דיין דלאנד מיט די עלעף פאנעס
- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

המשך פון זייט 2

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער אוֹיפְזֶעעֶר אַלֵיינְס צוּרִיקְגֶעקוּמֶען - אָן זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶער, אִין שְׁטוּבּ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר אוּן אִים גֶעזָאגְט: "קוּק אַהֶער, אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ דִיר צוּגֶענוּמֶען אַלֶע דַיינֶע פַארְמֶעגְנְס וָואלְט אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט פוּן דֶעם, וַוייל אַלֶעס וָואלְט סֵייוֹוי גֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּ דִי קַאסֶעס פוּן דִי קָאמֶענִיסְטִישֶׁע רֶעגִירוּנְג, אָנְדֶעם וָואס אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אֲפִילוּ אֵיין פְּרָאצֶענְט פוּן דֶעם, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין גַאנְצֶער פַארְמֶעגְן, זָאלְסְטוּ מִיר שֶׁענְקֶען אֵיין פָּאר בַּאקְוֶועמֶע שְׁטִיוְול".

מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה לוֹיפְט ר' אֱלִיעֶזֶר אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן בְּרֶענְגְט אִים אַרוֹיס צְווֵיי פָּאר טַייעֶרֶע שְׁטִיוְול אוּן דֶערְלַאנְגְט עֶס פַארְן אוֹיפְזֶעעֶר.

ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס הִתְפַּעֲלוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן נֵס, אַיינְזֶעעֶנְדִיג אַז דִי רֵייד פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אִין זְכוּת וָואס עֶר שְׁטִיצְט דֶעם רֶבִּינ'ס לַייט וֶועט עֶר זִיכֶער גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן אִיז טַאקֶע מְקֻיָּם גֶעוָוארְן.

ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ נָאכְמֶער גֶעצוֹיגְן צוּם רֶבִּי'נְס מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעוָוארְן מֶער אַיינְגֶעבַּאקְן אִין רֶבִּי'נְס חֶדֶר.

• • •

עֶס אִיז אַמָאל צוּגֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ ר' אֱלִיעֶזֶר אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה, אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ זֶעלְטֶענֶע גֶעלֶעגְנְהַייט,

## קוּם הֶעלְף אַן אִידִישְׁן גַלְח!"

ר' אֱלִיעֶזֶר אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם אִיד זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן אַזוֹיגֶערוּפֶענֶעם אִידִישְׁן גַלְח. זֵיי קוּמֶען אַרַיין צוּם גַלְח אִין שְׁטוּבּ אוּן בַּאגֶעגֶענֶען זִיךְ אַנְשְׁטָאט מִיט אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, וֶועלְכֶער פַארְבְּרֶענְגְט עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה. הָאט דֶער אַלְטֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם צַאר נִיקָאלַאי, בְּמֶשֶׁךְ זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן זַיין אִידִישְׁקֵייט, אוּן הָאט גֶעדִינְט אִין מִילִיטֶער צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט וָואס דֶער צַאר נִיקָאלַאי הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי קְלוֹיסְטֶערְס. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע פַארְהֶער, אוּן קֵיינֶער פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים - דִי גוֹיִם זֶענֶען עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּער, נָאר עֶר, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט עֶס אַדוּרְכְגֶעמַאכְט. אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַ עֶלְטֶערֶע גַלְח'טֶע וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעלֶערְנְט, אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער הָאט אַ אִידִישֶׁע קָאפּ!".

זִינְט דֶעם פַּאסִירוּנְג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן וָואס אִיז דָאס אִידִישְׁקֵייט אוּן וָואס מֵיינְט דָאס אַ אִיד, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְווָאוּסְט זַיין אֶמֶת'עֶר יִחוּס, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּרִיק גֶעכַאפְּט צוּם דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, אוּן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶער אִיז עֶר קַיין גַלְח נִישְׁט גֶעוֶוען, נָאר עֶר הָאט צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אִידִישְׁן וֶועג, מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

אֵיינֶער רֶעדְט מִיט'ן צְוֵוייטְן וֶועגְן דֶעם תַּכְלִית, דוּרְכְדֶעם וַואְרפְן אַלֶע אַוֶועק דִי נַארִישְׁקַייטְן, אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, גֶעלְט מִיט כָּבוֹד, א.או.. אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְקָרֵב צוּם אֱמֶת, אוּן מֶען מֶען קֶערְט זִיךְ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, צוּ תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

טָאמֶער אָבֶּער חָלִילָה עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שָׁלוֹם, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אוֹיב עֶס אִיז פַארְהַאן אַ מַחֲלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם צְווִישְׁן צְוֵויי חֲבֵרִים, אָדֶער צְוֵויי קְבוּצוֹת, אַזֵי אֵין מִתְוַעֲדִין יַחַד זֶה עִם זֶה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְקוּמֶען, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמֶען קוּמֶען, וְאֵין אֶחָד מְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ מֵהַתַּכְלִית, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיטְן חַבֵר פוּנֶעם תַּכְלִית, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמִּתְוַעֲדִים יַחַד אֲפִילוּ מֶען קוּמְט זִיךְ שׁוֹין יָא צִינוּיף, אֵין נִכְנָסִים דְּבָרָיו בְּלֵב חֲבֵרוֹ, דִי דִיבּוּרִים גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין חַבֶר'ס הַארְץ, מֵחֲמַת נִצָּחוֹן, ווייל יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל אוֹיסְפִירְן.

כִּי מַחֲלֹקֶת וְנִצָּחוֹן אֵינוֹ סוֹבֵל הָאֱמֶת, אֵיינֶער וָואס ווִיל נִצָּחוֹן קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דֶעם אֱמֶת, ווייל עֶר ווִיל אוֹיסְפִירְן. נִמְצָא שֶׁעִקַּר הִתְרַחֲקוּת מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁל רֹב בְּנֵי-אָדָם הִיא עַל-יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁנִּתְרַבָּה עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים. הַמָּקוֹם יְרַחֵם. ווייל אוֹיב אַלֶע ווָאלְטְן זִיךְ דוּרְכְגֶעקוּמֶען צוּזַאמֶען, וֶועלְט מֶען גֶעזֶען אַז בֶּאֱמֶת ווִילְן אַלֶע דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. (עי' תורה קכ"ב)

ר' נָתָן זָאגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אַז דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין רֶבִּי, אָבֶּער יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע עֲבוֹדָה, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק אִין חֶסֶד, אֵיינֶער הָאט גֶעמַאכְט פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אֵיינֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט כּוֹחוֹת אוּן גֶעדַאוְונְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אֵיינֶער הָאט גֶעדַאוְונְט שְׁנֶעל אוּן שְׁטִיל, בַּיי אֵיין תַּלְמִיד אִיז גֶעוֶוען מֶער תּוֹרָה, יֶעדֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אוּנְטֶער אֵיין רֶבִּי.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז הַגַּם דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן פַארְשִׁידֶענֶע עֲבוֹדוֹת, דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה, נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, תּוֹרָה, שִׂמְחָה, הִתְעוֹרְרוּת, הִתְחַזְּקוּת, חֲצוֹת, אַסַאךְ פַארְשִׁידֶענֶע עֲבוֹדוֹת פַארְמָאגְן מִיר, טָאר מֶער אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אֱוֶועקְמַאכְן קֵיינֶעם, אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען חָשׁוּב, יֶעדֶער ווִיל דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין נְקוּדָה ווָאס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר זַיין נְשָׁמָה, מֶער טָאר חָלִילָה נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חַבֵר, נָאר מְכַבֵּד זַיין דִי חֲבֵרִים, לִיבּ הָאבְּן אַלֶע חֲבֵרִים.

מֶען זֶעט טַאקֶע ווֶען דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז אֶפְשָׁר הָאבְּן זֵיי אֶפְשָׁר אַ שִׁנּוּי אִין זֵייעֶרֶע דֵעוֹת, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט נֵיין! שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, הֶער אוּנְזֶער טַאטֶע יִשְׂרָאֵל, ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינְס. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אַלֶע חֲבֵרִים שְׁרַייעֶן דֶעם זֶעלְבְּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא חִילוּקִים, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז דִי אַהֲבָה.

דֶער אַר"י הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וָואלְט גֶעוֶוען אַהֲבַת חֲבֵרִים וָואלְט שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעקוּמֶען דִי גְאוּלָה". דֶער אַר"י הָאט גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג פַארְן דַאוֶוענֶען: "הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", לִיבּ הָאבְּן אַ חַבֵר, פַארְגִינֶען פַאר אַ חַבֵר אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ. דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אִין תּוֹרָה כ"ז אַז דִי גְאוּלָה קוּמְט דוּרְךְ שָׁלוֹם.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זֶען דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים אוּן זִיךְ קֶענֶען צַאמְקוּמֶען, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב מַמָּשׁ צוּ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ וֶועלְכֶער וֶוערְט גֶערוּפְן 'שַׂר שָׁלוֹם', עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים, וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**חִזְקוּ וְאִמְצוּ, אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## בְּעֶזר הַשֵּׁם

# אַ דאנְק פַאר אַלֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַרַייְנְגֶערוּפְן מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת

אִיךְ בִּין מִשְׁתַּדֵל יֶעדֶע נַאכְט צוּ לֵייגְן נֶעגְל וַואסֶער נֶעבְּן מַיין בֶּעט כְּדֵי אִיךְ זָאל נִישְׁט דארְפְן אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפָּאנְדְזְשֶׁעט (גֶעוַואוּשְׁן) אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן לְכָבוֹד שַׁבָּת

אִיךְ ווִיל זָאגְן מַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת: אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן פַאר זִיבְּן יָאר.

ב"ה אִיךְ בִּין מִשְׁתַּדֵל אַז יֶעדֶער זַאךְ וָואס אִיז מִיר שְׁוֶוער, דַאנְק אִיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל אוֹיף דֶעם.

יֶענֶע וָואךְ פְרֵייטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי בְּחִינוֹת אוֹיף דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּינְ'ס לִיבְט עֶס גִיבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים

אִיךְ בִּין זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַז גְלֵייךְ ווען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף, פַאר ווען אִיךְ טוּ עֶפֶּעס פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן נֶעגְל וַואסֶער, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן זַיין פָאלְק. **אֱלִיעֶזֶר**

דִי נְקוּדָה טוֹבָה מַיינֶע אִיז, אַז יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת לֵיין אִיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיבְט, עֶס גִיבְּט מִיר חִיזוּק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי ווערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין". **ראובן**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַייְנְגֶעהֶערְט אִין כִּתָּה ווערן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט בַּרְטְנוּרָא אוֹיף דִי מִשְׁנָיוֹת. **מָרְדְּכַי דָּוִד, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִין אַ אִידִישְׁע שְׁטוּבּ

אִיךְ מַאךְ צֶען מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן גֵיין אִין חֶבְרָה (מַתְמִידִים)

